NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12851

# LAKHBLIMELE

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

№ 3

# לאכּבּלימעלע

פארלאג [illegible]

ווארשע



MICROFORM
13/16542

# לאַכבלימעלע

אַ קינדערפאָרשטעלונג אין איין אַקט.



№ 3

פארלאג ,קינדער־טעאַטער, ווארשע

תרפ״א .1921

## פערזאנען :

דער טאטע.

די מאמע.

חיימל ) ברידער און שוועסטער.
פיינעלע ) ער—אלט 7 יאָר, זי 9 יאָר

רחלע, א לידעווודיג מיידעלע, אלט 8 יאָר.

שיינדעלע — די איינענע עלטער.

בערעלע, א יינגעלע פון א יאָר 9 :

---

אויף דער סצענע ווערט פאָרגעשטעלט א געוויינליך, נאָר זויבער צימער. אין הינטערגרונט — 2 פענסטער, פארגאָסן מיט זון; צווישן די פענסטער א טיש און ביי דער וואנט, רעכטס א בעט, דערביי א קליין טישל מיט רפואות.

חיימל ליגט אין בעט, באדעקט מיט א ווייס לייילאך. ער טראָגט א ווייס העמדל מיט דינע העלע הייזלעך און אויף די פיס זאָקן.

נעבן דער בעט שטייען א פאָר קינדערשע שטעקשיכלאך.

## ערשטער ארױפֿטריט.

חײמל און פֿײגעלע.

פֿײגעלע (צארט).

װאס טוט דיר װײ? זאָג, חײמל...

חײמל (שטיל).

נײן... אָבער איך קאָן נישט אראָפּ פֿון בעט. איך קאָן דעם קאָפּ נישט אױפֿהײבן, די האַנט איז מיר שװער.

פֿײגעלע.

װען װעסטו געזונט װערן?

חימל:

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז אין א וואָך ארום.

פײנעלע.

ניטעלע איז אוועק אין וואלד מיט אירע חברטעס. רחלע האָט געזאָגט, אז זי וועט דיר ברײנגען וואלדבלימעלאך... רויטע, בלויע, ווײסע. אָבער אײן וואלדבלימעלע, זאָגט זי, וועט דיך געזונט מאכען.

חימל (לײכט).

איצט איז מיר גוט... און שטוב איז שטיל. און פענסטער שײנט די זון. פײנעלע, דו האָבט ליב די זון?

פײנעלע (פרײליך).

די זון גלעט מיר שטענדיג די בעקלאך, פונקט ווי די מאמע... אבער חימל, אז די

ווען מיר וועלן גרויס ווערן, וועלן מיר אויך גיין אין וואלד?

**חײמל** (אויפהייבנדיג עטוואס דעם קאפ).

מיר וועלן גיין אין וואלד, מיר וועלן יאגדעס קלייבן, בלימעלאך רייסן, אויף פייגעלאך קוקן, ביימעלאך טרויסלען און שרייען הי-הא... הי-הא...

**פייגעלע** (צופרידן).

היינט איז דיר בעסער, ווי נעכטן, אמת, חײמל? נעכטן האט די מאמע נישט געוואלט ארוים פון שטוב. אין דער מאמע האט א גאנצן טאג געשוויגן...

**חיימל.**

יא, שוועסטערל, היינט איז מיר בעסער.

**פייגעלע.**

(שטייט-אויף, נעמט א טאַנץ, פאַרלירט די העמטלאַן
אויפן הארצן און נעמט זינגען שטיל, אבער דייטליך):

פיינעלע, פיינעלע,
פי-פי-פי!
וואו איז דער טאטע?
— ניטא הי!
ווען וועט ער קומען?
— מארגן פרי...

(אין א ווײַלע ארום זינגט זי א נײַ לידל):

הינטער טאלן אין א מאל
שטייט א פאלאץ פון קריסטאַל.
פענסטער — העלער דימענט,
טירן — גאלד געשמידט, —
ווער עס ווײַנט אין פאלאץ,
ווייס דאס קיינער ניט...

פיינעלע.

(כאפט פון פענסטער א גלאז מילך און טראגט צו חיימלען).

טרינק, חיימל.

**חיימל.**

(בוינט-אן דעם קאפ און טרינקט פון פיינעלעס האנט)

מיר איז לייכטער, פיינעלע. נעכטן האב איך גארנישט געקאנט טרינקען.

---

**2-טער אויפטריט.**

**רחלע, שיינדעלע און בערעלע.**

**רחלע.**

(פריילעך און בעוועגליך, האלט אין דער האנט א בוקעט וואלדבלימעלאך).

חיימל! בלימעלאך האב איך דיר געבראכט, וואלדבלימעלאך...

**פיינעלע** (שאקעלט ציטערין מיטן קאפ).

אוי, סאַראַ שיינע קוויטעלאך...

שיינדעלע.

די יאגדעס האבן מיר אין וואלד אויפ-
געגעסן. חיימל טאר נישט עסן קיין יאגדעס...
האבן מיר בלימעלאך געבראכט.

בערעלע.

(נעמט-אָן חיימלען ביי דער האנט).
דו ווייסט, חיימל, איך האב געפונען א
טייבל אין וואלד. א ווייסער פייגל איז אויפן
וואסער געזעסן, פונקט ווי אינם מעשהלע, וואס
איך האב נישט לאנג געלייענט...

חיימל.

נאכן טייבעלע מוז אודאי זיין א פאלאץ
און נאכן פאלאץ א גארטן און אין גארטן גאל-
דענע פייגעלאך...

## שײנרעלע.

# לאמיר מארגן גײן, װעלן מיר זעהן...!

רחלע (האסטיג):

פריער זאל חײמל געזונט װערן. זעהסטו די בלימעלאך, חײמל? װעסטו נעמען אװײס בלימעלע, זײנען דיר אפפאלן דיא הײן: װעסטו נעמען אבלױם—װעט דיר װערן ליכטיג אין די אױגן: װעסטו נעמען ארױטס, װעסטו װעלן לאכן. װעסטו אבער נעמען א... איך װיל דיר נישט זאגן אװאסערס, װעסטו באלד גע־זונט װערן און װעסט אראפשפרינגען פון בעט... טרעף, װאסער בלימעל קאן דיר געזונט מאכן?

(אלע קינדער שטעלן זיך ארום רחלען און חײמל זוכט מיט די אײגלאך צװישען די װאלד־בלימעלאך בײ רחלען אין האנט).

חײמל (ציט־ארױס א גרין בלימעלע).

דאס בלימעלע?

רחלע.

ניין...

חײמל (צים-אַרײס אַ נײַלב גלימעלע).

האָס?

רחלע.

ניין...

חײמל (צים-אַרײס אַ נאָלרן גלימערע).

דאָס?

רחלע.

ניין...

חײמל.

(פּראַכט לאַנג, צים נאָלדעם אַרוים אַ ווײַס

בלימעלע מיט אגעלב איינעלע אינטיטן).

דאָס?

רחלע (לאכט און שפרינגט-צי)

געטראָפן! איצט באַדאַרפסטו עס האַלטן
אין די הענט. נאָכדעם א שטעק טאָן, וועסטו
באלד געזונט ווערן. פריער וועסטו זיך צולאַכן
און נאָכדעם געזונד ווערן...

שיינדעלע.

ווער האָט עס דיר געזאָגט?

רחלע.

די באָבע האָט עס מיר פערציילט. די
באָבע זאָגט, אז אט דאָס בלימעלע היילט
קראנקע פייגעלאך און קראנקע גוטע קינדער.
א גוט קינד ווערט באלד געזונט דערפון,
א שלעכט קינד מוז אַקומען צו א דאקטאָר.

חײמל.

(האלט דאָס בלימעל און שמעקט עס פון צײט צו צײט).

עס שמעקט מיט װאַלד און מיט יאַגדעס...

(לאַכט שטיל).

שײנדעלע.

און דיר װערט בעסער?

חײמל.

און מיר װערט בעסער. בעסער... (לאַכט)

אט װעל איך אַראָפּ פון בעט... פײגעלע,

גיב מיר דײן האַנט... (לאַכט שטיל).

פײגעלע.

(גיט אים די האַנט. לאַנגזאַם גײט ער אַראָפּ פון בעט און טוט־אָן שטעקשיכלאַך. אַלע קוקן זיך צו מיט גרױס ערנסט).

פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך...

**חײמל** (קוקט זיך ארום).

דער קאָפּ דרײט שױן נישט, און די הענט

איז מיר לײכט (לאכט).

(גײט צום טיש, פון טיש צום בעט און

װידער צוריק, אָבער דרײסטער און שנעלער. לאכט).

**שינדעלע** (צולאכט זיך).

**חײמל** איז מאקי געזונט געװאָרן...

(אלע צולאכן זיך).

**פײגעלע**.

(צום־ארום נאָך אױא בלימעלע פון בוקעט).

װי הײסט דאָס בלימעלע?

**שינדעלע** (ציט כיט די אקסלען).

**איך** װײס נישט.

**בערעלע**.

**איך ווייס אויך נישט.**

חיימל.

איך ווייס אויך נישט.

רחלע.

וועלן מיר אים געבן א נאָמען.

פײַנעלע.

ווי וועלן מיר עס רופן?

רחלע (טראכט א ווײַלע).

מיר וועלן עס רופן... רופן... רופן...
לאַבבלימעלע...

(אלע צולאכען זיך, שיינדעלע לאפט רחלען
און מאַנצט מיט איר, חיימל מיט פײַנעלען לאכן
און בערעלע זינגט):

פאָרן יוהן אין אבלאָטן,
נעגן־אין זיי די קאַפּאָטע,

אבער זיננען זיננען זיי:
„זיין וועט קאָרן, זיין וועט היי!"
פאָרן יודן אין ארעמן,
סקריפען בייז די שווערע וועגן...
(ענדיגט נישט און צולאכט זיך).

חייכל.

די רפואה דארף איך שוין נישט. איך בין שוין געזונט (לאכט). מאָרגן וועל איך מיך שוין אָנטאָן און מיר וועלן גיין אין וואלד אריין און די זון וועט אונז גלעטן די בעקלאך (לאכט און גייט אליין איבערן צימער מיט זיכערע טריט).

שיינדעלע.

חייכל, ווער קאָן שנעלער גיין: איך צי דו?

חייכל (שטעלט זיך נעבן איר).

ט, לאָמיר פרובן (גייען שנעל איבער דער שטוב).

בערעלע (קוקט זיי נאך און ציילט).

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף... איך
וועט, חיימל גייט שוין שנעלער פאר שיינדעלען.

רחלע.

(כאפט-אן חיימלען פאר דער האנד).
ניי מיט מיר, חיימל. כך וועסטו נישט
איבעריאגן.

חיימל.

נו, איך וועל גיין מיט דיר (גייען ווייטער
נעכן).

בערעלע (קוקט זיי נאך און ציילט).

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס...
(חיימל יאגט-איבער רחלען).

רחלע.

אז דו האָסט מיך איבערגעיאָגט, ביזט שוין געזונט, חיימל.

חיימל.

(נעמ א שמעק פונם בלימל, וואָס ער האלט די גאנצע צײט אין דער האנט).

איך בין געזונט און איך וויל עסן...

---

3-טער אויפטריט.

אין שטוב קומען-אריין הייבל טאטע און מאמע. בײדע קוקן פארגאפט אויף חיימלען.

דער טאטע.

חיימל, פון װעם ביזטו ארויף? וואָס האָסטו געטאָן?

די מאמע.

אוי, ווי איז מיר...

חיימל.

שרעק זיך נישט, מאמע, איך בין שוין געזונט.

רחל'ע.

דאס לאבבלימעלע האט אים געזונט געמאכט.

פיינעלע.

ער וויל שוין עסן.

חיימל

מארגן גיי איך מיט די קינדער אין וואלד.

דער מאמע.

דו האסט נאך בארארפט ליגן אין בעט.

חיימל (צו רחלען).

רחלע, גיב אים א שטיק טאָן דאָס בלימל.

רחלע.

(כאַפּט א בלימל פֿין ביקעט און טראָגט־צו חיימלס
פֿאַטען צו דער נאָז).

גיב נאָר א שמעק...

דער טאַטע (שמעקט און צילאַכט זיך).

וואָס איז דאָס פֿאַר א בלימל?

די מאַמע.

(שמעקט איך און נעמט קייקן פֿין געלעכטער).
כאַ־כאַ־כאַ!... אוי, עס לאַכט זיך, עס
לאַכט זיך... א מאָדנע זאַך!

חיימל

(גיט א שפּרונג איף ביידע פֿיסלאַך און שריים־אויס:

איך בין געזונט!! געזונט!! געזונט!!

(כאפט ארום רחלען און גייט מיט איר א טענצל).

רחלע.

(טאנצט. בעת־מעשה זאגט זי ארויס הויך און דייטליך):

און דאס בלימעלע הייסט — לאכבלימעלע!

פארהאנג

Księgarnia „KULTURA“

Warszawa, Dzika 13.

---

ביכהאנדלונג קולטור

װארשא דזיקא 15.